# ישעיהו שפּיגל

## ניקי

אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין, די אַלמנה פֿונעם פּוטער-סוחר יאַקוב שימאָן טעמקין, האָט נאָר באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן פֿונעם פֿאַרמאַכטן, שוואַרצן קלאַוויר דאָס קליינע, אײַנגערעמטע פֿאָטאָגראַפֿיעלע פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן, בעת דער דײַטש איז שוין געשטאַנען אויפֿן שוועל פֿון דער אויפֿגעפּראַלטער טיר און געוואָרפֿן אין שטוב אַרײַן אַ כוואַליִע מיט הייזעריקע קולות:

– ר-ר-אַוס-ס!

אייגנטלעך, איז אין גאַנצן שוין נישט געווען קיין איין-איינציקער ייִד, און אַז די אַלמנה האָט נישט געהערט די יללות אויפֿן הויף פֿון די לויפֿענדיקע ייִדן, איז עס נאָר געווען דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אויף דער עלטער שטאַרק טויבלעך און גראָד הײַנט אין דער פֿרי, איידער ס'האָט זיך נאָך אַרײַנגעריסן אַ ביסל ליכט דורך די שווערער גאַרדינען, האָט זיך איר פֿאַרגלוסט צו עפֿענען דעם קלאַוויר, דעם גרויסן, שוואַרצן קאַסטן – און אירע אַלטע, פֿאַרמעטענע פֿינגער האָבן זיך געגליטשט איבער די פֿאַרגעלטע קלאַווישן. מען קען נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ ניגון, וואָרעם אירע פֿינגער האָבן שוין זינט יאָרן געציטערט פֿון אַלטקייט, געווען אויסגעטריקנט ווי אַלטע, צעפֿאַלענע קאָרע. פֿונדעסטוועגן איז דעם גאַנצן פֿרימאָרגן אַרומגעגאַנגען אין אירע טויבלעכע אויערן דער ווידערקול פֿון די עטלעכע קלאַנגען, און דאָס איז אויך געווען די סיבה, פֿאַר וואָס די אַלטיטשקע האָט אַפֿילו נישט געהערט דעם געשרײַ פֿון דײַטש אויף דער שוועל.

גראָד דעמאָלט, ווען דאָס איז געשען, – איז דער הונט ניקי געלעגן נעבן די גרויסע, אַראָפּהענגענדיקע גאַרדינען און דאָרט געדרימלט אַ זקניש-הינטישן דרימל, דאָס שפּיציקע מויל אויסגעצויגן אויף זײַנעביידע, אַרויסשטאַרצנדיקע, פֿאָדערשטע פֿיס. ער איז שוין געווען אַלט, דער הונט ניקי, מיט אַן אויסגעקראָכענער הינטישער פֿעל, פֿון

וואַנען ס'האָבן אַרויסגעקוקט אַ ביסל העלערע פֿלעקן פֿון זאַמד-קאָליר. זײַנע פֿיס זײַנען געווען שוואַכלעך און נאָר די אויגן זײַנע – גרויסע, ברוינלעכע, מיט אַ לויטערן בלאָען אָפּגלאַנץ פֿון מעטאַל – האָבן נאָך דערמאָנט פֿון אַמאָליקער, שפּילעוודיקער, הינטישער יוגנט.

די אַלמנה מיטן הונט האָבן געלעבט אין הויז אַן אָפּגעצוימט, איינזאַם לעבן. ניקי איז אַרומגעגאַנגען אין די חדרים מיט זײַנע שווערע, ווייכע פֿיס, דעם קאָפּ אַ ביסל אַראָפּגעבויגן, און געוויגט זיך אַ טרויעריקער און פֿאַרשוויגענער פֿון מידע מחשבֿות פֿון אַלטקייט. ער איז אַהער געקומען צו די טעמקינס פֿון ערגעץ אַ פֿאָלוואַרק נאָך בײַם לעבן פֿון איר מאַן יאַקוב שימאָן טעמקין. נאָכן טויט פֿון בעל-הבית פֿלעגט די אַלמנה גאַנצע טעג זיך צוהערן צו די באַוועגונגען פֿון ניקין אין דער טויטלעכער פֿאַרגליווערטקייט פֿון די שטובן. אַז זי פֿלעגט זיצן בײַם טיש און ניקי איז געווען קעגניבער אין שלאָף-חדר, ווו ער פֿלעגט גאַנצע טעג נישט וועלן אָפּטרעטן פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעמס בעט, – איז איר אויסגעקומען, ווי אין דרינען, אינעם שלאָפֿצימער, וואָלט ווידער אַרומגעגאַנגען איר פֿאַרשטאָרבענער מאַן אין זײַנע ווייכע פֿרימאָרגן-פּאַנטאָפֿל. זי האָט זיך אײַנגעהאָרכט אינעם מינדסטן גערויש פֿון דרינען, אָנגעשפּיצט די טויבלעכע אויערן און אַ בלייכקייט האָט זיך געזעצט פֿלוצים איבער איר אַלטן, פֿאַרוועלקטן שטערן. זי האָט באַשײַנפּערלעך געהערט די ווייכע, פּאַמעלעכדיקע טריט פֿון איר מאַן יאַקוב שימאָן טעמקין. באַלד וועט ער זיך אַוודאי באַווײַזן אויפֿן שוועל, זיך אַוועקזעצן אויפֿן פּלושענעם פֿאָטעל, אויסציִען די האַנט צום פּלעד און אים אַריבערוואַרפֿן איבער זײַנע ביידע ציטערדיקע קני, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געליטן נאָך אַ געלענק-אָנצינדונג.

צווישן דער אַלמנה אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין און איר אַלטן הונט ניקי איז אַנטשטאַנען אַ מין דין געוועב פֿון יענע-וועלטיקע רעיונות און חלומות. זי האָט אין זײַן אַראָפּהענגענדיקן, אַלטן קאָפּ, אין זײַן אַלט געוואָרענער פֿעל און אין פֿײַכטן בליק פֿון זײַנע בלאָלעכע אויגן-אַפּלען געזען אַ פֿלאַטערדיקן שאָטן פֿון איר מאַן. צי איז עס געווען דערפֿאַר, וואָס ניקי האָט זיך יאָרן אַרומגערינגלט מיטן בעל-הבית און ווי יעדער הונט געווען גרייט צו שטרעקן ס'לעבן פֿאַר אים, צי דערפֿאַר, וואָס ער האָט מיט דער צײַט איבערגענומען דעם בעל-

הבית׳ וואַקלדיקן, ווייכן גאַנג איבער די טעפּיכער, זײַן אַראָפּהענגענדיק מויל מיט די פֿאַרלאָפֿענע אויגן, – אַזוי צי אַזוי, די אַלמנה אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין האָט קיין מאָל נישט אַרומגענומען דעם הונטס קאָפּ אָן אַן אינערלעכער אומרו, בעת זי האָט אים געגלעט איבער זײַן אַלטער, אויסגעקראָכענער פֿעל. צווישןביידן איז געווען אַזוינס, וואָס אַנטשטייט צווישן אײנזאַמע לעבעדיקע באַשעפֿענישן – צווישן מענטש און חיה: אַן אינעווייניק, וואַרעם, בינדנדיק געפֿיל, וואָס גרענעצט מיט ליבשאַפֿט און מסירת-נפֿש.

ווי נאָר דער דײַטש איז געבליבן שטיין אויפֿן שוועל בײַ דער אויפֿגעפּראַלטער טיר און איידער די אַלמנה האָט נאָך אַראָפּגעכאַפּט פֿונעם קלאַוויר די אײַנגעראַמטע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן, – איז שוין ניקי געשטאַנען נעבן שוועל. ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן אַלטן קאָפּ קעגן דעם דײַטש, צעעפֿנט זײַן ברייט מויל, פֿון וואַנען ס׳האָבן אַרויסגעקוקט די לעצטע, נישט אַרויסגעפֿאַלענע, אַלטע ציין און מיט אַ ווילדן דרײַמאָליקן געוואָי זיך געלאָזט דעם דײַטש אין פּנים אַרײַן.

מען האָט געזען, ווי ניקי האָט פּלוצים שטראָמער אָנגעצויגן זײַן רוקן, געצאַפּלט מיט זײַנע אַלטע פֿיס, געלאָפֿן אומרויִק פֿון אָרט צו אָרט און געווען גרייט זיך וואַרפֿן אויפֿן דײַטשן פֿרעמדן מענטש אין זײַן גרינעם, משונהדיקן מונדיר. די אַלטקייט זײַנע איז מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן, די פֿיס האָבן זיך אויסגעגליכן און נאָר אַ הייסע סליונע האָט געגאַווערט פֿון זײַן געעפֿנט מויל מיט אַ הינטישער ווילדקייט, סיטשענדיק דערבײַ, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: – כ׳ווייס... כ׳ווייס... דו ביסט אונדזער שׂונא... דו ביסט אונדזער שׂונא... נאָר וואַרט... וואַרט... וואַרט...

דער דײַטש אויף דער שוועל איז אויף אַ רגע צעטומלט געוואָרן. ער האָט זיך ווי פֿאַרלוירן פֿאַר דעם צעגליטן פֿײַער, וואָס האָט זיך געגאָסן פֿון דעם אַלטן הונטס אויגן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן לעדערנעם געווער-טעשל. די אַלמנה האָט אין אַ ציטערדיקן קול אויסגעשריגן:

–גנאַדע, האַבן זי דאָך גנאַדע...איין אַרמעס, אומשולדיקעס טיר...

זי האָט מיט איר אַלטן גוף אין גאַנצן פֿאַרשטעלט ניקין פֿאַרן דײַטש און הינטערווײַלעכס אים גענומען גלעטן און באַרויִקן מיט די הענט. ער איז אויף אַ רגע שטיל געבליבן און געצאַפּלט ווי אַ געבונדענער אין דער אַלטערס הענט. די אַלמנה האָט אים לסוף אַ שלעפּ געטאָן פֿאַר דעם אַראָפּהענגענדיקן קייטעלע און ביידע זײַנען זיי פֿאַרשוווּנדן דורך פֿינצטערן קאָרידאָרל גלײַך אויף דער גאַס אַרויס.

אַדורכלויפֿנדיק דאָס קאָרידאָרל, האָט אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין נאָך מיטגעכאַפּט דאָס שוואַרצע שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע, וואָס איז דאָרט תּמיד געהאַנגען. אָן דעם דאָזיקן שטעקעלע, וואָס איז איר פֿאַרבליבן נאָך איר מאַן יאַקוב שימאָן טעמקין, האָט זי בכלל נישט געקענט קיין טריט טאָן אויף אירע דאַרע, אַלטע פֿיס.

זי איז איצט געגאַנגען אויף דער גאַס אָנגעלענט אויף דעם שוואַרצן שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע, מיט דער אָפּגעראַטעוועטער פֿאָטאָגראַפֿיע אין בוזעם און בײַם קייטעלע געשלעפּט דעם הונט. מען קען נישט זאָגן, אַז אירע אויגן האָבן געזען, וואָס אַרום איר טוט זיך. ס'איז געווען פֿראָסטיק, אַ בלאָלעכער באַגינען. די גאַס, די הײַזער, די טראָטואַרן האָבן זיך געהילט אין אַ בלאָלעך-זילבערנעם געוועב פֿון פֿרימאָרגן-נעפּלען, וואָס עס שפּינט אויס דער פֿריִער פּוילישער ווינטער. די פּנימער פֿון די דורכלויפֿנדיקע מענטשן זײַנען געווען געלע, בלייכע. ניקי האָט נאָך אַלץ געטאַמלט און זיך געהאַלטן אין איין רײַסן אויף צוריק. ער האָט נישט געוווּסט, ווּ די באַלעבאָסטע פֿירט אים. טייל מאָל האָט ער זײַנע אויגן אָנגעהאַנגען אויף דער אַלמנהס פּנים און זי האָט, גייענדיק אַזוי, מיט איין מאָל דערפֿילט אַן אײַזיקע קעלט אויף איר אַלט האַרץ. אַ דינע אימה איז זי באַפֿאַלן. פֿון דעם הונטס אויפֿגעהויבענע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער פֿײַכטער, טויטער בליק פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן יאַקוב שימאָן טעמקין. און אָט זײַנען זיי ביידע דאָ, צוגעקייטלטע איינער צום צווייטן אינעם געוועב פֿון די זילבערנע פֿראָסט-נעפּלען, וואָס וויקלען זיך הינטער נידעריקן, פֿינסטערן הימל. זיי גייען ביידע, שוין אָנגעלענט איינער אין צווייטנס אָרעם, שווייגנדיקע, מיט מידע, אַראָפּהענגענדיקע קעפּ. קאַלטע, בייזע מחשבֿות צינדן איר אַלטן, פֿאַרדרימלטן מוח. זי הערט שוין באַשײַנפּערלעך אַ קילן אָטעם זיך וויקלען אַרום איר אויער און זי הערט ווערטער ווײַטע, קאַלטע און אויסגעלאָשענע.

די אַלמנה, וואָס האָט אַזוי פֿיל יאָרן געלעבט אָפּגעצוימט פֿון ייִדן און ייִדישקייט, האָט זיך פּלוצים ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ הינערפּלעט. אייגנטלעך, האָט מען זי דאָך געטריבן פֿון שטוב ווי אַ ייִדן צוזאַמען מיט אַלע ייִדן, כאָטש מיט אַזוי פֿיל יאָר צוריק איז איר שוועל שוין געווען פֿאַרגויִשט: דער איינציקער זון, וואָס האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, איז נאָך לאַנג פֿאַר דער מלחמה אַוועק ערגעץ קיין גאַליציע און דאָרט געלעבט אינעם פֿאָלוואַרק פֿון זײַן ווײַבס עלטערן. אויף די חגאות פֿלעגן אָנקומען צו דער אַלטער מתּנות פֿון זון. זי האָט פֿריִער שוין געוווּסט, וואָס אַזוינס דער זון שיקט איר יעדעס יאָר: אַ גרויסן, אויסגעפּאַשעטן, גוט-פֿאַרפּעקלטן אינדיק און אַ האַלבן שאָק קאָלירטע חגא-אייער. מיטן אינדיק האָט זי זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן, אָבער צו די קאָלירטע חגא-אייער האָט עפּעס די אַלטע געהאַט אַ פֿרעמד און טויט געפֿיל. זיי זײַנען געבליבן טאַקע, די אייער, ליגן גאַנצן חדשים, אַ שטויב האָט זיך געזעצט אויף זייער קאָלירטער סקאָרלופּע, ביז זי פֿלעגט זיי איינציקווײַז צעפּיצלען אין די אָוונטן, אונטער ליכט פֿונעם ברייטן זשיראַנדאָל, און שפּעטער אַרויסלייגן אויפֿן ווענעציאַנער פֿענצטער-ראַם פֿאַר די הונגעריקע ווראָבלעס.

זי אַליין איז שוין פֿון די קינדער-יאָרן אָן געווען פֿרעמד פֿון ייִדישקייט און ייִדן. גאַנצע יאָרן האָט מען איבער שוועל נישט געזען קיין ייִדיש פּנים. די מלחמה, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער שטאָט אַזוי פּלוצים, האָט אין די ערשטע טעג אַפֿילו נישט דערגרייכט צו דער אַלמנהס גרויסע און גרוימע צימערן. די ייִדישע בהלה האָט אַהער נישט דערגרייכט און דער דרויסנדיקער בייזער אָנזאָג פֿון אַ פֿינצטערן שטורעם האָט זיך נישט אָנגעשלאָגן אין דעם שוועל פֿון איר אָפּגעצוימטער דירה.

ערשט דער דײַטש, וואָס האָט הײַנט אויפֿגעפּראַלט בײַ איר די טירן, האָט די אַלטיטשקע אויפֿגעוועקט פֿון דער פֿאַרגליווערטקייט און זי דערמאָנט, אַז, אייגנטלעך, איז זי דאָך אַ ייִדישע און אַז איצט זײַנען געקומען שווערע, שווערע צײַטן פֿאַר איר און פֿאַרן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.

און כאָטש די אַלטיטשקע האָט זיך דורך די צענדליקער יאָרן פֿון איר לעבן געפֿילט אָפּגעריסן פֿון ייִדישקייט און ייִדן, האָט זי דאָך

אויפֿגענומען דעם פּלוצימדיקן גרויל מיט הכנעה און איַינגעבראָכנקייט, גראָד ווי עפּעס אַן אומזעבאַרער פֿאָדעם וואָלט זי געהאַלטן די אַלע יאָרן פֿאַרבונדן מיט איר פֿאָלק. זי איז איצט געגאַנגען אויף דער גאַס מיט עפּעס אַזוי פֿיל מענטשן, וואָס האָבן געהאַט וויַיטע, פֿרעמדע פּנימער. זי האָט דערקענט די דאָזיקע פּנימער פֿון די אַמאָליקע יונגע יאָרן אירע, פּנימער אַרומגערינגלט מיט שוואַרצע, צעפּלאָשעטע, ייִדישע בערד און אויף די קעפּ – קליינע, רונדיקע היטעלעך, פֿון וואָס דער מאַן אירער יאַקוב שימאָן טעמקין פֿלעגט אַזוי פֿיל אָפּלאַכן בעת זיַין לעבן. ייִדן אין קאַפּאָטעס, וויַיבער אין שייטלען און אין שטערנטיכלעך האָבן געשלעפּט זייערע קינדער בײַ די הענט. אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין איז איצט געגאַנגען מיט עפּעס אַ פֿריידיקער וואַרעמקייט אין איר קאַלט האַרץ, אָנגעלענט אויף דעם שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע און מיט דער לינקער האַנט געפֿירט דעם הונט ניקין. די דורכלויפֿנדיקע ייִדן האָבן אויף איר מיטן הונט צוגעוואָרפֿן פֿון דער זיַיט בייזלעכע בליקן. ניקי איז די גאַנצע צײַט געגאַנגען מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן קאָפּ און אויסגעלאָשענע אויגן. ערגעץ פֿון המון האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ קליין, געפֿלעקט הינטל, צוגעלאָפֿן צו ניקין, אַרויפֿגעלייגט אויף אים זיַין האַלדז, ווי עס וואָלט געזוכט בײַ אים טרייסט, און ביידע הינט זיַינען שוין איצט געגאַנגען איינער נעבן צווייטן. אַריַינקומענדיק אין אַ צווייטער גאַס, האָט ניקי דערפֿילט די פֿרעמדע סבֿיבֿה. עס איז געווען אַ שלעכט-ברוקירט געסל, מיט אָפֿענע לעכער, און דער געדראַנג איז דאָ געווען אַ גרעסערער. ער האָט זיך קוים אַרויסגעפּלאָנטערט פֿון צווישן די טויזנטער בייזע פֿיס. מען האָט אים געטראָטן אויף די לאַפּעס און איין מאָל איז זיַין באַלעבאָסטע שיר נישט אומגעפֿאַלן. די אַלטיטשקע האָט אויפֿגעהויבן העכער דעם קאָפּ און זיך דערזען טראָגן דורך אַ ריזיקער מאַסע פֿון ייִדן. זי האָט מיט איר האַנט פֿעסטער צוגעדריקט דאָס קייטעלע צו זיך און יעדעס מאָל באַשיצט ניקין פֿון אַ זיַיטיקן טריט. נעבן איר איז שוין איצט דער הונט געגאַנגען אַליין מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן, טרויעריקן קאָפּ. דינע, פֿײַכטע שניישטערן האָבן זיך געדרייט אין דער לופֿט, נישט געוואָלט אַראָפּפֿאַלן אויף דער ערד און זיך געזעצט אויף ניקיס גראָער, איַינגעוויקלטער פֿעל.

* * *

ס'איז געווען אַ שמאָל, אָרעם געסל אין דעם באַלוטער העק פֿון פֿורמאַנעס, טרעגער און דאַרע ייִדישע גאַסן-מיידלעך, ווו די אלמנה אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין איז אַרײַנגעפֿאַלן מיט איר הונט. זי איז דאָ אָנגעקומען מיט אַ מחנה פֿרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַלד צעלייגט אין אַ ליידיקער גרויסער שאָפּע. די ייִדישע גאַסן-מיידלעך האָבן אַקעגנגעטראָגן גוט, ווײַס געבעקס. ס'זײַנען געווען די ערשטע טעג, וואָס די געוועלבלעך זײַנען געווען נאָך איבערפֿולט מיט שפּײַז, ערשט שפּעטער האָט דער גאַנצער באַלוטער שטח געזאָלט אָפּגעצוימט ווערן פֿון דער אַרומיקער וועלט. די אלמנה איז געזעסן אין דער שאָפּע, אָנגעלענט אויף דער זילבערנער גאַלקע, מיט איר צעשויבערטן, גראָען קאָפּ, בעת ניקי האָט, אַן אויסגעצויגענער בײַ אירע פֿיס, אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם בייזן געטומל פֿון פֿרעמדע מענטשן.

ס'האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז אַלע פֿון דער שאָפּע זײַנען אײַנגעקוואַרטירט געוואָרן אויפֿן הויף. די אלמנה אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ איז אָנגעקומען צו דער הויכער רויזע אין דער פֿאַציאַטקע. די הויכע רויזע האָט זיך געוואָרפֿן און בשום אויפֿן נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן דעם הונט. „כ'האָב געגוג, אַז כ'נעם אַרײַן אַ משומדת – האָט זי אָן אויפֿהער געשריִען – צו וואָס דאַרף איך נאָך אַן אַלטן, קראַנקן הונט אויף מײַן קאָפּ?"

אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ איז געשטאַנען אויפֿן שוועל פֿון דער פֿאַציאַטקע, דער הונט נעבן אירע ציטערדיקע פֿיס און פֿוןביידנס אויגן האָט געשלאָגן אַ פֿײַכטעלעכער אָפּגלאַנץ פֿון מענטשישער און הינטישער פֿאַרלוירנקייט.

– שטיל... שטיל... – האָט איר אַלטע געלע האַנט געציטערט און זיך אַראָפּגעלאָזט איבער ניקיס אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ.

דאָס צימערל, ווו די הויכע רויזע האָט געוווינט, איז געלעגן אונטער שיפֿן דעכל. הינטער אַ קאָלירטן פֿאָרהאַנג איז געשטאַנען אַ נידעריק, צעטראָטן סאָפֿקעלע, פֿאַרוואָרפֿן מיט אַ טוץ געלע און רויטע קישעלעך. ס'איז איצט געווען טריבלעך-פֿינצטער אונטערן בעליק. פֿאַרן פֿענצטער איז געשטאַנען די באַלוטער פֿרעמדע נאַכט, צעדריוולט מיטן ערשטן פֿראָסטיקן זילבער. אין די קראָמע ליכט-

פֿאַסן פֿון פֿאַציאַטקע-פֿענצטערל האָט דאָס נאַכט-זילבער זיך געקייטלט און געפֿאַלן אויף די שויבן אין טאַנצנדיקע, ווײַסע שטערן.

די אלמנה מיטן הונט האָבן באַקומען אַ ווינקל אַ פֿינצטערן, אַן עקיקן, ווו אַ טוכלע וואַרעמקייט האָט זיך געהאַלטן אין חלל, ווי די וואַרעמקייט פֿון אַ פֿאַרמאַכטן קעלער. אין דער פֿאַציאַטקע איז עפּעס תמיד געשטאַנען אַ זויערלעכער אוויר פֿון זינד, תאווה און בייז. די אַלטע האָט נישט געוווּסט, ווו זי איז אַרײַנגעפֿאַלן. עס איז איר סײַ ווי געווען אַלץ איינס. זיי האָבן זיך ביידע, די אלמנה מיטן הונט, אַראָפּגעלאָזט אינעם ווינקל און געזעסן לאַנג אין דער פֿינצטער, ווי גרויסע, פֿאַרגליווערטע שאָטנס פֿון פֿאַרשטאָרבענע. פֿון צײַט צו צײַט האָט בלויז ניקי פֿאַרלייגט זײַן קאָפּ אויף דער אַלטערס קני און פֿון דעם פֿינצטערן ווינקל האָט זיך געטראָגן אַ ווייכער, הינטישער געוואָי, לאַנג און צעצויגן, ווי דאָס געוויין פֿון אַ קראַנקן, פֿאַרלאָזטן מענטשן.

שפּעטלעך בײַ נאַכט, אַז די אַלטע מיט ניקין האָבן זיך אויסגעצויגן אינעם ווינקל איבער אַן אַלטן צוגעוואָרפֿענעם מלבוש, האָט די הויכע רויזע זייער געדיכט פֿאַררוקט דאָס פֿירהענגל, וואָס האָט געטיילט דאָס אַלטע סאָפֿקעלע פֿון דעם רעשט חדרל. דאָס נאַכט-לעמפּל אויף דער וואַנט האָט זיך שוואַך געטוקט און אַ רויטלעך, בייז פֿלעמל האָט געלעקט די טוכלע פֿינצטערניש פֿון אַרום.

ערשט איצט, אַז ס׳איז געוואָרן זייער שטיל, האָבן זיך אין דער טונקלקייט פֿון דעם שוועל באַוויזן ברייטע, פֿלאַטערנדיקע שאָטנס פֿון מענטשן. די שאָטנס זײַנען אַרײַן איינציקווײַז, געבליבן שטיין אַ רגע אויף דעם שוועל, זיך אַרומגעקוקט און פֿאַרשוווּנדן הינטער דעם רויטן פֿאָרהאַנגל. אין פֿינצטערן קאָרידאָרל, הינטער דער טיר, האָבן זיך דערווײַל געזאַמלט אַנדערע שאָטנס און געוואַרט, די טיר זאָל זיך עפֿענען. זיי האָבן לאַנג נישט געוואַרט. מיט אַ שדיש געײַל זײַנען די שאָטנס אַרויסגעשפּרונגען צוריק פֿון הינטערן פֿאָרהאַנגל און פֿאַרשוווּנדן דורך דער פֿאַציאַטקע מיט די פֿינצטער שטיגן אַראָפּ.

די אלמנה האָט שוין געדרימלט. טייל מאָל האָט זי זיך איבערגעוועקט און אַרומגענומען דעם וואַרעמען האַלדז פֿון ניקין. די גאַנצע צײַט האָט דער הונט געזעגט אין זיך אַ ווייך, הינטיש

כאַרכלען. יעדעס מאָל, אַז די טיר האָט זיך געעפֿנט און אַ שאָטן איז אַרונטערגעלאָפֿן הינטערן פֿאָרהאַנגל, פֿון וואַנען ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויקלט אַ דין, מכשפֿהדיק געלעכטערל פֿון דער הויכער רויזע, – האָט ער אויף ס'נײַ אָנגעהויבן ציִען זײַן הינטישן געוואָי פֿון דער פֿינצטער אַרויס. דאָס וואָרטשען פֿון הונט האָט די הויכע רויזע גערייצט. זי איז איצט געשטאַנען אַ האַלב-נאַקעטע בײַם אויפֿגעפֿראַלטן פֿאָרהאַנגל און, פֿאָכענדיק מיט אירע הענט, געשריִען צו דער אלמנה אין ווינקל אַרײַן:

– מאַדאַמשי... אַ בראָך איז צו אײַך!... אפֿשר וועט די מאַדאַם אַ ביסל אַרויסגיין מיטן כּלבֿ אויפֿן גאַניק?... ער פֿאַריאָגט דאָך מיר אַלע... צו אַל די שוואַרצע יאָר... כ'וועל אים אָפּסמען, דעם כּלבֿ...

די איבערגעוועקטע אלמנה האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער הויכער רויזעס אָפּגעדעקטער נאַקעטקייט, פֿון וואַנען ס'איז געגאַנגען אַ קיצלדיקער, בייזער גערוך.

– ש-ש-ש – האָבן אירע ליפּן בלויז שוואַך אַרויסגעפּליסטערט – ש-ש, טײַערינקע, ש-ש-ש, טײַערינקע... ש-ש-ש...

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון ווינקל, אָנגענומען ניקין פֿאַרן קאָפּ און אַרויס.

דורכן שמאָלן, פֿינצטערן קאָרידאָרל זײַנען זיי ביידע, די אלמנה מיטן הונט, שטיין געבליבן אויפֿן ליידיקן גאַניקל. אונטער זיי איז געלעגן אַ קנויל פֿון פֿינצטערע באַלוטער געסלעך. ס'איז געווען שטאָק-פֿינצטער. דערווינט האָט נאָך אַהער געטראָגן און צעשפּרייט אַ גראָע, שיטערע ווײַסקייט פֿונעם נאַכט-שניי, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט אין חלל. פֿון דרום-זײַט פֿון שטאָט האָבן אַהער געבלינצלט דורכן נאַכט-נעפּל די אָנגעצונדענע עלעקטרישע גאַסן-לאָמפּן אויף די הויכשטאָקיקע בנינים פֿון דער שטאָט. די אלמנה האָט געקוקט אין די דאָזיקע ווײַטע פֿלעמלעך, וואָס האָבן זיך געלאָשן און פֿון ס'נײַ אָנגעצונדן דאָ און דאָרט, ווי רויט-אָנגעצונדענע אויגן.

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו ניקין און מיט אַ ווייכן קול אים געפּליסטערט איבערן קאָפּ:

– זעסט? – אָט דאָרט... דאָרט... ניקי... אונדזער היים... אונדזער גאַס... אונדזער שטאָט...

דער הונט האָט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיס און געקוקט אין דער פֿינצטערניש אַרײַן. אַ רגע איז ער אַזוי געשטאַנען, אַרומגענומען מיט דער אלמנהס אָרעם. פּלוצים האָט ער זיך געלאָזט אין אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם ווייען. דער גוואַלד האָט אַ ריס געטאָן דעם פֿינצטערן הימל ווי אַ בליץ, זיך צעשלענגט אונטער די וואָלקנס און דערנאָך זיך אויסגעלאָשן אין דער קאַלטער פֿינצטערניש פֿון דער ערד.

* * *

צו מאָרגנס, ווי נאָר ס'האָט געגראָט אויף טאָג און די אלמנה אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין האָט זיך אַ דערפֿרוירענע אויפֿגעכאַפּט פֿון איר ווינקל, – איז דער הונט מער שוין נישט געווען. ווו ער איז פֿאַרשוווּנדן האָט קיינער נישט געוווּסט. די הויכע רויזע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז דאָס איז נישט קיין הונט, נאָר עפּעס אַ שד, האָט אפֿילו נישט געהערט, ווען דער הונט זאָל האָבן אַרויס פֿון שטוב. אַ גאַנצן טאָג איז ער נישט געווען. ערשט קעגן אָוונט האָט זיך אין דער טיר דערהערט אַ דראַפּען. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין ווינקל אַ צעיאַכמעטער, מיט רינענדיקן שוים פֿון דער אַרויסהענגענדיקער צונג, און זיך געוואָרפֿן אין דעם שויס פֿון דער איבערגעשראָקענער אלמנה.

ניקי איז געלעגן אויף איר אַלטער קני און אין גאַנצן געצאַפּלט פֿון עפּעס אַ פֿריידיק-פֿלאַמענדיקער, הינטישער געריטקייט. די אלמנה האָט אַרומגענומען זײַן ציטערדיקן קאָפּ און לאַנג געקוקט אין זײַנע פֿײַכטלעכע אויגן-אַפּלען ווי אין צוויי אײַנגעראַמטע קוועלעכלעך. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס מיטן הונט איז געשען. ער האָט אַרײַנגערעוועט אין זיך שטומערהייט, אין זײַן הינטישן שטום-לשון האָט געצאַפּלט אַ נישט-אויפֿגעבונדן חיהש וואָרט, אַ קנויל פֿון הייזעריקע קולות, וואָס האָט געזוכט אַן אופֿן ווי אַזוי דעם אַלטן, אַריבערגעבויגענעם מענטשן צו דערציילן, דערציילן, דערציילן, אַזוי ווי עס טוט דאָס אויסגעפֿורעמטע וואָרט פֿון דער מענטשלעכער צונג. זײַן גאַנצע פֿעל האָט געציטערט און דוכט זיך, אַז זײַן שמאָל הינטיש

פנים האָט געהאַט די פֿאַרקרימטע תנועה פֿון אַ הינטיש כליפּען. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין וויינען, נאָר גיכער אַ טאַמלדיק העשען פֿון פֿרייד און טרייסט. ער האָט אַלע וויַלע אויפֿגעהויבן זייַנע פּאָדערשטע פֿיס און זיי דערלאַנגט דער אַלטער אויף אירע קני. די אלמנה האָט זיי אַרומגענומען מיט אירע פֿינגער, זיך נעענטער אַריבערגעבויגן איבער אים, זיי צוגעטראָגן צו אירע אַלטע, פֿאַרוועלקטע ליפּן און לאַנג, לאַנג, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, געבליבן ליגן איבער זיי מיט אַ געזונקענעם קאָפּ...

עס איז געווען אויסטערליש דאָס אַלץ. אין דער פֿינצטערניש פֿונעם ווינקעלע איז די אלמנה לאַנג געזעסן אַרומגענומען מיטן הונט, בעת דאָס נאַכט-לעמפּל, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געברענט מיט אַ דערשראָקן, אַראָפּגעלאָזט קנויטל הינטערן פּאָרהאַנגל, האָט געוואָרפֿן אַ רויטלעך-געשפּענסטיק געוועב איבער די טונקעלע ווענט. אויפֿן בעליק האָט זיך געוויגט אין אַ נעץ פֿון טאַנצנדיקע שאָטנס די שאַרפֿע, שמאָלע שפּיציקייט פֿונעם הונטס קאָפּ, אַן אײַנגעראַמטן אין ער אלמנהס דלאָניעס.

ניקיס אַנטלויפֿן פֿון שטוב איז נישט געווען קיין איינמאָליקע געשעעניש. צו מאָרגנס איז ער ווידער נעלם געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג און ערשט צוריקגעקומען קעגן אָוונט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אַזוי טאָג נאָך טאָג. קיינער האָט נישט געוווּסט, וווּ דער הונט ווערט פֿאַרשווּנדן.

אין דער זעלבער צײַט איז דאָס געווען, ווען דער דײַטש האָט אויפֿגעשטעלט אַ צוים אַרום געטאָ. דינע, שטעכיקע דראָטן האָבן אָפּגעצוימט די באַלוטער געסלעך פֿון דער שטאָט. קיין מענטש האָט שוין נישט געקענט נישט אַרײַן און נישט אַרויס. אָבער ניקי פֿלעגט פֿונדעסטוועגן ווײַטער פֿאַרשווינדן יעדן טאָג און צוריקקומען ערשט מיט דער אָוונט-דעמערונג.

איין מאָל איז ניקי צוריקגעקומען ווי תמיד אַ צעיאַכמערטער, און בעת די אַלטע האָט אַרויפֿגעלייגט אירע הענט אויף זײַן קאָפּ, האָט זי זיי גיך צוריקגעכאַפּט: אירע דלאָניעס זײַנען געווען פֿול-פֿאַרקלעפּטע מיט בלוט. די פֿעל אויף זײַן רוקן איז געווען צעשפּאָלטן און צעראַצט פֿון ווונדן. ער האָט ווי תמיד אַוועקגעלייגט זײַנע לאַפּעס אויף איר

שויס. זײַנע אויגן-אַפּלען זײַנען דאָס מאָל געווען רויטלעך-אָנגעצונדענע און נאָר גרינע פֿלעמלעך האָבן זיך געצונדן און אַרומגעטאַנצט אין די שוואַרצע וואַסערלעך פֿון זײַנע אַפּלען.

איינס נאָך איינס האָט די אלמנה געלייגט נאַסע טיכלעך אויף די אָפֿענע ווונדן פֿון דעם הונטס פֿעל. אין דער פֿינצטערניש, ווו די אלמנה מיטן הונט האָבן געהאַט זייער געלעגער, איז פּלוצים אויפֿגעגאַנגען אַ העלע, טרייסטנדיקע ליכטיקייט. ערשט איצט האָט זי געוווּסט: דער הונט גנבֿעט זיך דורך די דראָטן...יעדן טאָג לויפֿט ניקי אין שטאָט אַרײַן... יעדן טאָג לויפֿט ער אַהיים... זי האָט אָן אויפֿהער געלייגט די טיכעלעך און געוואַשן פֿון אים דאָס וואַרעמע בלוט. די הויכע רויזע אַליין האָט געהאַלטן אין איין צוטראָגן שעפּן מיט וואַסער. דאָס בייזע האַרץ, וואָס זי האָט געטראָגן די גאַנצע צײַט צום הונט, איז מיט אַ מאָל פֿאַרשווּנדן. איר האַרץ האָט אויפֿגעטײַעט מיט רחמנותדיקער וואַרעמקייט צו שטומער באַשעפֿעניש. זי האָט אַרויסגעצויגן פֿון דער קאָמאָדע אַ ווײַס, קורץ העמדל, עס צעריסן אויף שמאָלע פּאַסן און פֿון ערגעץ אַ שופֿלאָדל אויסגעזוכט אַ זאַלב, וואָס איז גוט פֿאַר מענטשישע ווונדן. זי האָט אָנגעשמירט די צעריסענע העמד-פּאַסן מיט דער זאַלב און דערנאָך אַנידערגעקניט אינעם ווינקל נעבען ניקין. זי האָט אָנגעהויבן אַרומבינדן די צעריסענע ווונדן פֿון הונטס פֿעל. יעדע רגע האָט ניקי אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ. זײַנע אויגן זײַנען געווען פֿולע, איבערגעלאָפֿענע מיט אַ וואַרעמער פֿײַכטקייט. ער האָט לאַנג נישט אַוועקגענומען פֿון איר די אויגן. פּלוצים האָט זיך די הויכע רויזע פֿאַר עפּעס דערשראָקן. ס'איז איר געוואָרן קיל אונטערן האַרץ. אַ יענערוועלטיקער פּחד האָט אַ פֿלאַטער געטאָן איבער איר פּנים מיט אַ קאַלטן, פֿאַרגלאָזטן אָטעם. זי וואָלט געשווירן בײַ אַלץ, וואָס איז הייליק, אַז בעת זי האָט אַרומגעבונדן זײַנע אָפֿענע ווונדן, האָט דער הונט דעמאָלט געקוקט אויף איר מיט אַ טרויעריק, מענטשלעך פּנים. די אויגן זײַנע, האָט זי באַשײַנפּערלעך געזען, זײַנען געווען איבערפֿולט מיט וואַרעמע, מענטשישע טרערן.

* * *

פֿון יענעם טאָג אָן, בעת די הויכע רויזע האָט מיט די אייגענע הענט פֿאַרבונדן ניקין די אָפֿענע, צעשניטענע פֿעל, וואָס איז אים געקומען

פֿון אַדורכרײַסן זיך דורך די דראָטן פֿון געטאָ-צוים, – פֿון דעמאָלט אָן האָט זי זיך אויך אין גאַנצן געביטן צו דער אלמנה אַנגאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס פֿאָרהאַנגל, וואָס האָט געטײלט דאָס חדרל אויף צוויי, און מער איבער דעם שוועל נישט אַרײַנגעלאָזט קיין מאַנסבילן. זי האָט אַרויסגעבעטן די אַלטיטשקע פֿון איר פֿינצטערן ווינקל אַרויס טיפֿער אין חדרל אַרײַן. אַלע דרײַ,ביידע ווײַבער מיטן הונט, זײַנען געזעסן אויף דער נידעריקער סאָפֿקע. ניקי איז געלעגן אַרומגעבעט מיט די קאָלירטע קישעלעך און געזונקען אין אַ שוואַכן, זקנישן דרימל.

דאָס איז געווען אין דער זעלבער צײַט, ווען דער דײַטש האָט נאָכן אויפֿשטעלן דעם צוים גערופֿן די ייִדן אָפּצוגעבן זייערע הויז-חיות – די פֿערד, קי, ציגן און הינט. אין געטאָ האָבן בלויז געקענט בלײַבן די צוויי אַלטע עגלה-פֿערד. די אײַנגעזעסענע ייִדן פֿון באַלוט האָבן זינט דורות געהאָדעוועט די הויז-חיות און פֿון זיי געצויגן די אָרעמע, מאָגערע חיונה. דראָזשקאַזשעס און פֿורמאַנעס, מילך-הענדלער און טאָרג-שטייער, קאַטערינאַזשעס און שענק-ייִדן האָבן געמוזט אָפּפֿירן די באַשעפֿענישן, וואָס זײַנען דאָס גאַנצע לעבן מיט זיי מיטגעוואַקסן אין די ענגע הויפֿלעך פֿון באַלוט, אין די קעמערלעך און אין די פֿינצטערע קי- און פֿערד-שטאַלן. מ׳האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד, דאָס לעצטע מאָל אַרומגענומען זייערע וואַרעמע העלדזער אין דער טונקעלער שטאַל, אַרויסגעפֿירט די טרויעריקע, ייִדישע קי און די דערשראָקענע ציגן. ייִדן האָבן געפֿירט איבער די געסלעך די שיינע קאַשטאַנעס, בעת די גאַנצע משפּחה איז פֿון הינטן נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט, געבראָכן די הענט, ווי זיי וואָלטן באַגלייט אַ טויטן אויפֿן ריינעם פֿעלד אַרויס. ווײַבער האָבן געשלעפּט ציגן און קי, וואָס האָבן, דערשראָקענע און אײַנגעשפּאַרטע, נישט געוואָלט זיך רירן פֿון אָרט. זיי האָבן זיך דווקא געריסן צוריק אין געטאָ אַרײַן. נאָך זיי האָבן ייִדן געפֿירט אויף שנירלעך און קייטעלעך נידעריקע, דאַרע באַלוטער הויף-הינט, געפֿלעקטע פּודעלס מיט אַראָפּהענגענדיקע טרויעריקע אויערן און שוואַכע, פּראָסטע שטום-הינטלעך מיט אָפּגעהאַקטע עקן. ייִדן האָבן זיך געטרייסט, אַז בײַם דײַטש וועלן די באַשעפֿענישן האָבן אַ בעסערע פּיטערונג ווי אין געטאָ: די פֿערד און די קי גייען גלײַך אין שטאָט אַרײַן, נאָר בלויז די הינט, נעבעך, צעשיסן זיי באַלד אויפֿן פֿעלד, הינטערן מאַרק....

באַלד פֿאַר טאָג האָט די הויכע רויזע אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך אַ שוואַרץ, צעריסן שאַלעכל, מיט לאַנגע, שיטערע צויטן, בעת די אלמנה אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ האָט, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, מיט איין האַנט אָנגענומען דאָס קייטעלע פֿון ניקיס האַלדז און מיט דער צווייטער דאָס שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע. זיי האָבן זיך ביידע געגרייט אָפּצופֿירן דעם הונט אויפֿן מאַרק אַרויף. די הויכע רויזע האָט זיך יעדע רגע אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די באַקן און באַהאַלטענערהייט געהעשעט. די אלמנה האָט געהאַט די האָר צעשויבערט, גראָע און אויסגעלאָשענע, וואָס זײַנען איר אַריבערגעפֿאַלן איבערן ווײַסן, טויבלעכן פּנים.

פֿאַר דער אַלמנה איז דאָס אָפּגעבן דעם הונט געקומען אַזוי פּלוצים, אַז זי האָט אין דער ערשטער רגע, נאָך דעם ווי די הויכע רויזע האָט איר מיט קולות אַרײַנגעשריִען אין טויבן פּנים אַרײַן וועגן דעם אומגליק, – זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ און אַזוי אַ פּאָר מינוט שטיין געבליבן מיט די האָר פֿאַרוויקלט אין אירע פֿאַרוועלקטע פֿינגער. די הויכע רויזע האָט געמיינט, אַז די אַלטע איז אָפּגעשטאָרבן, אָט אַזוי שטייענדיק מיט די פֿינגער פֿאַרוויקלטע אין אירע האָר. דער אַלמנהס אויגן האָבן אַפֿילו נישט קיין בלינצל געטאָן. זי איז געשטאַנען אַן אײַנגעגליווערטע און קאַלטע. דער הונט האָט געלאָזט מיט זיך אַלץ טאָן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צופֿוסנס איר און אויסגעצויגן זײַן שפּיציקן קאָפּ. אַ צעשפּאָלטענער שלוכץ איז פֿון זײַן מויל אײַנגעזונקען אין קאַלטן דיל פֿון דער פֿאַציאַטקע.

ביידע ווײַבער האָבן זיך געלאָזט גיין דורכן הויפֿ, ניקי אין דער מיט אויפֿן לאַנגן קייטעלע. אַ שטעכיקער שניי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דינע, קילע נאָדלען און געשטאָכן די הויט פֿון די הענט, פֿון פּנים און פֿון ניקיס פֿעל. ס׳איז געווען קאַלט און פֿראָסטיק. כאָטש ס׳איז ערשט געווען דער באַגינען, האָט שוין געהאַנגען אין געטאָ אַ פֿאָרהאַנג פֿון דעמערונג און טונקלקייט פֿון דער נאָענטער נאַכט, וואָס פֿאַלט דאָ אַראָפּ פּלוצים און בייז.

די הויכע רויזע האָט, גייענדיק, די גאַנצע צײַט זיך געביסן די ליפּן. זי האָט זיך נישט געקענט מוחל זײַן, וואָס זי האָט אַנומלט געשריִען, אַז זי וועט דעם הונט אָפּסמען. זי האָט אַרויסגעקוקט פֿון דעם שוואַרצן, אײַנגעהילטן שאַל און בלויז געזען אַ האַלב טויט פּנים פֿון

דער אַלמנה. ניקי האָט נאָך געהאַט אויף זיך די צעשניטענע העמד-פֿאַסן אַרומגעוויקלט אַרום זײַן רוקן.

אַז זיי זײַנען צוגעקומען נענטער צום מאַרק, זײַנען פֿון אַלע געסלעך אַרום שוין געגאַנגען ייִדישע קינדער און געפֿירט אויף שנירלעך און קייטעלעך די דאַרע, אײַנגעפֿאַלענע הינט. אויפֿן מאַרק איז געווען אַן אָפּגעצוימט אָרט, וווּ דער דײַטש האָט געזאַמלט טאַקע די הינט. די פֿערד און קי האָבן די דײַטשן איבערגעגעבן צו פֿאָלקס-דײַטשלעך אָפּצופֿירן אין שטאָט אַרײַן. די פֿאַרזאַמלטע הינט אויפֿן אָפּגעצוימטן שטיקל ערד האָבן אַרויסגעקוקט דורך די דראָטן אין געטאָ אַרײַן, זייערע אויגן זײַנען געווען וואַסערדיקע. אַ שאָטנהאַפֿטיקער פּחד האָט געגליווערט אויף זייערע דערשראָקענע, שפּיציקע מײַלער, ווי אויף מענטשישע פּנימער, וואָס בייגן זיך איבער אַן אָפֿענעם קבֿר.

נעבן טירל, וואָס האָט געפֿירט צום אָפּגעצוימטן שטיקל פּלאַץ מיט די הינט, איז געשטאַנען אַ דײַטש. ער האָט פֿון יעדן אָפּגענומען זײַן הונט, אויפֿגעפּראַלט דאָס טירל, אַ שטויס געטאָן דעם הונט מיטן שפּיץ פֿון זײַן שטיוול – און שוין איז דער הונט געווען אינעווייניק אַן אָפּגעצוימטער. זעלטן אַפֿילו האָט אַזאַ הונט זיך צעבילט אויפֿן דײַטש. עפּעס אַ פּלוצימדיקע געליימטקייט און אָנמאַכט האָט אין זיי אָפּגעטויט זייער הינטישן כּעס און מרידה. אפֿשר איז עס געווען דערפֿאַר, וואָס צו זיי איז דערגאַנגען איצט דער ריח פֿון טויטן-פֿעלד, ווי עס דערגייט צו יעדן בּעל-חי דער אומפֿאַרמײַדלעכער אַנגסט-צאַפּל פֿאַרן נאָענטן טויט.

ווען די אלמנה מיט דער הויכער רויזע זײַנען צוגעקומען מיט ניקין, איז שוין דאָס אָפּגעצוימטע שטיקל אָרט געווען פֿול מיט ייִדישע הינט. זיי האָבן זיך אַלע אינעווייניק געהאַלטן אין איין קרײַז, צו צוויי און צו דרײַ, אַרויפֿלייגנדיק די קעפּ איינער אויפֿן צווייטן. אפֿשר האָבן זיי עס געטאָן מחמת דער קעלט, וואָס איז גערונען פֿון הימל אַראָפּ. אַ קליינער טייל פֿון זיי איז געשטאַנען בײַ די דראָטן און געפּרוווט מיט זייערע אויסגעשטרעקטע פֿיס צוריקקרײַסן זיך. זיי האָבן זיך, אָבער, שנעל צוריקגעכאַפּט מיט אַ קינדיש וויען, דערפֿילנדיק אויף די לאַפּעס די קלעפּיקייט פֿון בלוט. די דראָטן האָבן געהאַט שפּיציקע, פֿאַרזשאַווערטע צויטן, וואָס האָבן זיך געהויבן אַרויף-צו, ווי שאַרפֿע, קליינע מעסערלעך.

די אלמנה מיט דער הויכע רויזע זײַנען שטיין געבליבן פֿאַרן דײַטש. ער האָט געוואַרט, אַז די אַלטע זאָל אַרויסלאָזן פֿון דער האַנט דעם קייטעלע. זי האָט, אָבער, די אלמנה, אָנשטאָט אָפּצולאָזן דאָס קייטעלע פֿון דער האַנט, נאָך פֿעסטער עס אַרומגעוויקלט בײַ איר האַנט-געלענק און אויף העכער איבערן גראָבן פֿלייש. זי האָט עס געטאָן מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן, אַזוי ווי עס טוען ייִדן בעת אַרומוויקלען די תּפֿילין-רצועות אויף די הענט. דער דײַטש האָט אַ ריס געטאָן דעם קייטעלע. די אלמנה האָט זיך אַ רגע אַ וואַקל געטאָן אויף אירע אַלטע פֿיס, בעת ניקי האָט זי שוין איצט געצויגן דורכן טירל אינעווייניק אַרײַן. די אַלטע האָט זיך געלאָזט פֿירן פֿון אים. הינטער איר האָט דער דײַטש מיטן שטיוול פֿאַרקלאַפּט דאָס טירל. זײַן הוילער בלעכערנער געלעכטער האָט זיך לאַנג געפֿאַליעט איבער די דראָטן.

די הויכע רויזע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן קאָפּ און געמאַכט אַ גוואַלד.

זי האָט געזען, ווי די אלמנה איז אין דרינען געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ כאָפּטע הינט און נאָך אַלץ געפֿירט ניקין בײַם קייטעלע. אין איר לינקער האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע און עס געטראָגן הויך איבער די הינטס קעפּ. זי איז אַזוי געשטאַנען מיטן אויפֿגעהויבענעם שטעקעלע און מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר אין סאַמע מיטן פֿון די הינט, וואָס האָבן זיך געלייגט צו אירע פֿיס. זי האָט אויסגעזען, אַננאַ יאַקאָוולעוונאַ, ווי אַ פּאַסטעך, אַרומגערינגלט מיטן אַ סטאַדע. אַ טייל הינט האָבן אויפֿגעהויבן זייערע טרויעריקע קעפּ און געקוקט דער אַלטער אין פּנים אַרײַן. ניקי אַליין איז געווען רויִק. זײַן רוקן איז נאָך געווען אַרומגעבונדן מיט די ווײַסע העמד-פּאַסן. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ צום טירל, צו דער הויכער רויזען, וואָס איז געשטאַנען אַ געליימטע און זיך געקניפּט דאָס דערשראָקענע פּנים.

זי האָט דערזען, אַז ניקי איז צווישן אַלע הינט געווען דער העכסטער און עלצטער. די איבעריקע הינט האָבן מן הסתּם באַלד דערפֿילט זײַן חשיבֿות. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן, געקוקט אין די אויגן אַרײַן ווי אַן אַלטן, קלוגן טאַטן.

די אלמנה איז געוואָרן מיד. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני אינעם שניי. מען האָט זי איצט קוים, קוים אַרויסגעזען צווישן דער כאָפּטע הינט. דער שניי איז געפֿאַלן העפֿטיקער מיט ברייטע, ציטערדיקע שטערן. דער ווײַסער קאָפּ האָר פֿון דער אלמנה האָט זיך אָפּגעטײלט מיט זײַן צעיושעטער ווײַסקייט ווי אַ בלענדנדיק, רונדיק רײפֿל בײַם קאָפּ פֿון אַ הייליקער.

די הויכע רויזע האָט נאָך געזען, ווי פֿון דער צווייטער זײַט האָט זיך אויפֿגעפּראַלט סיטירל און עמעצער האָט אָנגעהויבן אַרויסיאָגן די הינט צום פֿעלד צו. די אלמנה האָט זיך אויפֿגעשטעלט, זיך אָנגעלענט אינעם שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע און זיך געלאָזט מיט ניקין גיין די ערשטע צום פֿעלד צו...

די הויכע רויזע האָט שטאַרקער אַרומגעוויקלט דאָס שוואַרצע שאלעכל אַרום איר קאָפּ. זי האָט נישט געוואָלט הערן די טעמפּע, בלעכערנע קלעפּ: דאָס האָבן דערווײַל שוין אויפֿן פֿעלד, נישט ווײַט פֿון דאַנען, שאַרפֿע רידלען געריסן די קאַלטע באַלוטער ערד. בלויז דער ווינט האָט איבער די בלעכערנע רידלען, וואָס האָבן זיך געבויגן איבער די שמאָלע, פֿינצטערע לעכער, געשפּילט זײַן קאַלט נאַכט-ליד.

1943

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון עקיבא באַטקיי, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved